בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר



# באריכט:

דעם פארגאנגאנענן ליל שב"ק האט דער רבי שליט"א געפראוועט שלחנו הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה אין היכל השלחנות. מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יושע אשר כהנא שליט"א ראש כולל רבנים בכולל למצויינים אין ירושלים עיה"ק, מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' חיים ארי' כהנא שליט"א.

ביי די תורה האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן פסוק מה' יצא הדבר, און דער מדרש זאגט מהיכן יצא מהר המורי', און דער רבי שליט"א האט אויסגעטייטשט בדרך דרוש אין די סוגיא פון עשה דוחה לא תעשה.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' חיים יוסף ווערצבערגער שליט"א אבד"ק הוניאד, מיט קה רבון האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרבני הנגיד מוה"ר יצחק ראזענבערג הי"ו ס. ראה"ק, מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הגה"צ מ'לייפניק שליט"א פון בני ברק.

עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פון הרה"ק מהרי"ד מ'בעלזא זי"ע ווענענס הלולא עס איז געפאלן אום שב"ק, מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר בנציון אינדיג הי"ו פון קרית יואל.

שב"ק בייטאג נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' אפרים פישל סופר הי"ו פון מאנטריאל.

ביי די דברות קודש ביי שלש סעודות האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן ואברהם זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל, און אויסגעטייטשט בדרך אגדה והתחזקות בענין ויגבה לבו בדרכי ה', אז ביי עבודת ה' טאר מען זיך נישט האלטן קליין נאר וויסן אז מען האט א נשמה א חלק אלקי ממעל.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר בערל הערשקאוויטש הי"ו פון קרית יואל. בעפאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יונתן וויינגארטן הי"ו פון קרית יואל.

און די מיטאג שעה'ן נאך די וועכענטליכער באזוך אינעם בית השחיטה המהודרת האט דער רבי שליט"א אפגעשטאטעט א באזוך אינעם מצה בעקעריי ווי עס גייען אצינד אהן די לעצטע הכנות צום מצות באקן אויף יו"ט פסח הבעל"ט וועלכע'ס הויבט זיך אי"ה אהן די וואך.

❧•☙

## אסיפת הורי מוסדותינו הק' אין בארא פארק

היינט אוונט איז פאררופן געווארן א וויכטיגער אסיפת חינוך פאר די הורי תלמידי מוסדותינו הק' אין בארא פארק דורך די הנהלה רוחניות שע"י מוסדותינו הק' ווי עס וועלן אויפטרעטן גדולי הרבנים שליט"א.

דער אסיפה קומט פאהר בבית מדרשינו הגדול אום 7:30 ווי עס איז ערווארטעט דער השתתפות פון א גרויסן ציבור.

***-על בנינו ועל דורותינו-***

❧•☙

## יערליכע מגבית לטובת כולל למצויינים – ירושלים אין וויליאמסבורג

היינט – זונטאג האט זיך אין וויליאמסבורג אפיציעל אנגעהויבן די יערליכע אקציע לטובת כוללינו המפוארה – כולל למצויינים ויואל משה בירושלים עיה"ק, ווי דער ציבור אנ"ש תושבי וויליאמסבורג זענען זיך משתתף מיט זייערע סכומים לטובת דעם יסוד פון קהלתינו הק' אין ירושלים.

***-אלקא דמאיר יענינו-***

❧•☙

## נאך א געלעגנהייט פאר כתיבת האותיות אין די ספר תורה לע"נ רביה"ק בעל ברך משה זי"ע

ווי שוין געמאלדן איז פארגאנגענעם דאנערשטאג פארקומען דער צענטראלער מעמד כתיבת האותיות פון די נייע ספר תורה וואס ווערט געשריבן דורך חברי קהילתינו הק' לע"נ רביה"ק בעל ברך משה זי"ע אין שטוב פון הגה"צ וויליאמסבורגער רב שליט"א, וואו עס האבן זיך באטייליגט הונדערטער אנשי שלומינו ווי אויך פילע רבנים פון די גאנצע שטאט וואס זענען געקומען שרייבן א אות אין די ספר תורה פון קהילתינו הק'.

אזוי ווי עס איז געווען אוממעגליך אין די עטליכע שעה צו געבן די געלעגנהייט פאר דעם גאנצן ציבור צו שרייבן אן אות אין דעם ספר, דעריבער האט דער ועד כתיבת ספר תורה אויך מסדר געווען אז די ספר תורה וועט זיך געפונען אין די קומענדיגע טעג אין די שטובער פון נדיבים ועסקנים חשובים וועלכע האבן מנדב געווען גרעסערע סומעס פאר די ספר תורה, און דער ציבור וועט נאך האבן די געלעגנהייט ארייננצושרייבן אן אות אין די ספר תורה.

היינט זונטאג פ' תולדות קומט פאר די כתיבת האותיות אין שטוב פון האברך החשוב והנכבד ר' יואל משה ב"ר ישראל חיים שטעסל אויף 291 קיעפ סט. פון 7:00 ביז 11:00 ביינאכט, און אום דינסטאג פ' תולדות וועט אי"ה פארקומען די כתיבת האותיות אין שטוב פונעם חשוב'ן עסקן ר' משה יודא שטרויס הי"ו, וואו דער ציבור וועט האבן נאך א געלעגנהייט זיך משתתף צו זיין און ארייננשרייבן אן אות אין די ספר תורה.

❧•☙

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**